ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל תשיעי | שער שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

## מסעי

**(חלק כג שיחה ב)**

הוצאת ספרים קה״ת

יוצא לאור על ידי מערכת
„אוצר החסידים״
770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין, נ.י.
שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים וחמש לבריאה

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות
שבוע חג הסוכות, יא־יז תשרי, ה׳תשפ״ה (ב)

**Likkutei Sichot**

Copyright © 2024
by
Kehot Publication Society
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

The Kehot logo is a registered trademark of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# מסעי ב

א. בשייכות מיט דער צאָל פון שנות חיי אהרן הכהן וואָס ווערט דערציילט אין אַ פסוק בפ״ע בפרשתנו[1] — „ואהרן בן שלש ועשרים ומאת שנה במותו בהר ההר" — שטייט אין ירושלמי[2]: מאה ועשרים ושלש פעמים שישראל עונין הללוי׳ (ביי אמירת הלל[3]) כנגד שנותיו של אהרן.

וואָס איז דער קשר פון עניית „הללוי׳" מיט „שנותיו של אהרן"? איז דער ירושלמי מבאר[4]: הללוי׳ הללו א־ל בקדשו[5], לאהרן קדושו, לאהרן קדוש ה׳[6]. ד.ה. אַז דער הילול פון דעם אויבערשטן איז פאַרבונדן מיט אהרן קדוש ה׳, ווי עס שטייט „הללו א־ל בקדשו".

פון דעם גופא וואָס דער ירושלמי פאַרבינדט אמירת קכ״ג פעמים הללוי׳ כנגד שנותיו של אהרן מיטן פסוק „הללו א־ל בקדשו" — אַז דער הילול דאַרף זיין „בקדשו" — איז מובן, אַז די שייכות פון אהרן צו אמירת הלל איז ניט בלויז אין אַן ענין פון מספר (וואָס ביידע איז מספרם קכ״ג), וואָס איז בלויז אַן ענין חיצוני[7], נאָר עס איז פאַראַן צווישן זיי אַ שייכות אין תוכן: אמירת הלל דאַרף זיין פאַרבונדן מיט „קדשו", וועלכער איז ענינו של אהרן; ואדרבה — דאָס איז די סיבה אויף דעם וואָס זיי גלייכן זיך אויס אין זייער חשבון.

דאַרף מען פאַרשטיין: וואָס איז די שייכות פון ענית הללוי׳ (בהלל) מיט אהרן[8]?

ב. אָט־דער ענין (אַז די קכ״ג פעמים הללוי׳ זיינען כנגד שנותיו של אהרן) ווערט געבראַכט אין ספר הרמב״ם, אין די הלכות פון אמירת הלל (וואָס ער האָט אַריינגעשטעלט[9] אין הלכות חנוכה[10]), בשעת ער רעדט וועגן דעם מנהג פון אמירת ההלל „בימי חכמים הראשונים", וזה לשונו:

אחר שמברך הגדול שמקרא את ההלל מתחיל ואומר הללוי׳ וכל העם עונין הללוי׳ וחוזר ואומר הללו עבדי ה׳ וכל העם עונין הללוי׳ וחוזר ואומר הללו את שם ה׳ וכל העם עונין הללוי׳ וחוזר ואומר יהי שם ה׳ מבורך מעתה ועד עולם וכל העם עונין הללוי׳, וכן על כל

1) לג, לט. וראה לקו״ש (ח״ח ע׳ 198. חי״ח ע׳ 411), די״ל רמז בדבר מה שדוקא כאן נכתב זמן מותו — ר״ח מנ״א (וכן מנין שנות חייו) — ולא לעיל בפ׳ חוקת (כ, כג ואילך) בעיקר מקום סיפור מותו ובפרטיות — שהוא משום שהפרשה נקראת תמיד בר״ח מנ״א או בסמיכות אליו.

2) שבת פט״ז ה״א. ועד״ז במס׳ סופרים פט״ז הי״ב. מדרש תהלים (ומדרש תהלים באבער) מזמור כב, ד. ילקוט שם. ילקוט המכירי שם. בעל העיטור הלכות ערבה (הלל) — רמב״ם הל׳ חנוכה פ״ג הי״ב (כדלקמן בפנים).

3) ראה קרבן העדה ושירי קרבן לירושלמי שם. כסא רחמים השלם (להחיד״א) למס׳ סופרים שם.

4) ובמדרש תהלים באבער שם: יראי ה׳ הללוהו (תהלים כב, כד) וכתיב יראו את ה׳ קדושיו (שם לד, י) ואהרן נקרא קדוש שנאמר לאהרן קדוש ה׳.

ובמדרש תהלים שלפנינו (ועד״ז בילקוט ובילקוט המכירי. וכן הובא בבעל העיטור שם): יראו את ה׳ קדושיו כו׳ (ולא הובא בתחלה הפסוק יראי ה׳ הללוהו). ולכאורה לפי זה אינו מובן ההמשך. וצ״ע.

5) תהלים קנ, א.

6) שם קו, טז.

7) ראה שער היחוה״א ספ״ז (פד, ב).

8) וראה כסא רחמים שם — ביאור בזה ע״פ קבלה.

9) וראה לקמן בפנים סעיף ז — טעם הדבר ע״ד הרמז.

10) פ״ג הי״ב.

דבר, עד שנמצאו עונין בכל ההלל הללוי׳ מאה ושלש ועשרים פעמים, סימן להם שנותיו של אהרן.

דאַרף מען פאַרשטיין: ס׳איז ידוע אַז דער ספר יד החזקה להרמב״ם איז אַ ספר פון „הלכות הלכות״[11], ד.ה. ער ברענגט בספרו בלויז עניני הלכה (און ניט עניני דרוש אָדער סיפור דברים), ובלשון היעב״ץ[12]: ודברים שאין יוצא מהן דין מהדינים ולא מוסר והנהגה וידיעה הצריכה אין מדרכו ז״ל להטפל בהם בחיבור זה — איז לשם מה ברענגט ער אָט־דעם סימן?

בפשטות איז דער טעם פון אַ סימן אויף צו העלפן געדענקען. ובנדו״ד — געדענקען דעם מספר ענית ההלל (וי״ל שזהו ווען ס׳איז ניט קיין מספר רגיל)[13]. אָבער ס׳איז שווער צו זאָגן אַז בלויז דערפאַר ברענגט עס דער רמב״ם, ווייל ס׳איז ניט דרכו של הרמב״ם בספרו יד החזקה צו געבן סימנים אויף געדענקען די מספרים וועלכע ער ברייננגט[14].

איז דערפאַר מסתבר צו זאָגן, אַז דער סימן איז אויך אַ הלכה.

ויש לומר די נקודת הביאור בזה:

מיטן ברענגען דעם סימן איז דער רמב״ם אויסן צו אָנדייטען דעם גדר פון עניית הללוי׳: אַז די אַלע קכ״ג פעמים וואָס מען דאַרף עונה זיין הללוי׳ שטעלן צוזאַמען איין ענין (בדוגמת שנותיו פון איין און דעמזעלבן מענטשן)[15], ובמילא, אַז מען פאַרפעלט עניית הללוי׳ איין מאָל, פעלט אין דער „שלימות״ פון דעם ענין — עס מוז זיין דער פולער מספר פון קכ״ג עניות, וואָס שטעלן צוזאַמען אַ תוכן מיוחד (כנגד שנותיו של אהרן).

וואָס איז די הסברה פון דעם, אַז די קכ״ג פעמים עניית הללוי׳ זיינען אַלע צוזאַמען איין ענין?

אויך: וויבאַלד אַז דער סימן איז „שנותיו של אהרן״, איז דערפון מובן, אַז דאָס איז פאַרבונדן מיט ענינו של אהרן[16]. וואָס איז די שייכות[17]?

ג. וועט מען דאָס פאַרשטיין בהקדם שיטת הרמב״ם בסדר אמירת הלל — וואָס ער שרייבט[18] (בנוגע דעם מנהג האמור וואָס איז געווען „בימי חכמים הראשונים״): זה הוא המנהג הראשון ובו ראוי לילך.

איז לכאורה ניט מובן: ס׳איז מבואר אין מפרשי הש״ס[19], אַז דער טעם פון

---

11) לשון הרמב״ם בהקדמתו ל„יד״.

12) בחידושים וביאורים לרמב״ם הל׳ ביהב״ח רפ״ד.

13) וע״ד שהביא בסוף הקדמתו הנ״ל סימן לרמ״ח מ״ע ושס״ה מל״ת (אבל ההקדמה אינה „הלכות הלכות״ — ואדרבא). וכן בהל׳ סנה׳ ספי״ט (סימן למספר הלוקין).

14) להעיר מיד מלאכי (כללי הרמב״ם אות לד) שנקט הרמב״ם בכ״מ מנינא, שהוא סימן לזכירה (וראה אגרת תחה״מ להרמב״ם (ע׳ עד — בהוצאת קאפח): וסכמנום במספר . . מפני שחששתי שמא ישמיט אחד מן המעתיקים מן המספר ויאמר האומר לא הזכירה).

15) דמה שפירש מספרם (קכ״ג) מפני שעי״ז אפשר לברר באיזה מקומות צריכים לענות, מכיון שלא פירט הרמב״ם מי הן „כל דבר״; וע״י ה„סימן״ אחד מדגיש שהם ענין אחד.

16) דעפ״ז יומתק שהוא סימן ע״פ תורת אמת. וכמו בהל׳ סנה׳ שם שהרמב״ם מבאר את הסימן — „ילקו זרים״. וגם בהקדמה שם — ראה רמב״ם ספר המדע (ירושלים, תשכ״ד) בשינויי נוסחאות, שיש גירסא שהביא ראיות מפסוקים על הקשר בין הסימן לנסמן.

וזה שבנדו״ד לא הביא הרמב״ם שום פסוק וכו׳ (דלא כבירושלמי דלעיל), י״ל שהשייכות לענינו של אהרן פשוטה כל כך, שלא הוצרך הרמב״ם להוסיף ביאור.

17) ביאור ע״פ קבלה — ראה לקוטי לוי יצחק לזהר (ויחי) ע׳ רה ואילך. וראה חת״ס לסוכה לח, ב.

18) הל׳ חנוכה שם סוף הי״ד.

19) לסוכה לח, סע״א ואילך.

דעם מנהג הנ"ל „בימי חכמים הראשונים" איז געווען מצד מיעוט הידיעה בזמן ההוא, עס זיינען געווען אַ סך „אינם בקיאים" וועלכע האָבן געמוזט יוצא זיין אמירת הלל דורך דעם שליח צבור.

היינט ווי זאָגט דער רמב"ם אַז ס'איז „ראוי לילך" אין דעם מנהג, און ניט אַז „ראוי" אַז יעדערער זאָל אַליין זאָגן הלל[20]?

איז דערפון גופא געדרונגען אַז לדעת הרמב"ם, איז אע"פ וואָס די סיבת התקנה (אין סדר אמירת הלל) איז געווען צוליב די „אינם בקיאים" — האָט מען אָבער איינגעשטעלט דעם סדר האמירה אין אַזאַ אופן, אַז ס'זאָל דורכדעם גאָרניט פעלן בהאמירה (אויך פון די בקיאים); ס'איז ווי מ'וואָלט אַליין געזאָגט גאַנץ הלל.

ויש לומר, אַז דער טעם דערויף איז מובן מדברי הרמב"ם אין זיין פסק הלכה אין סדר אמירת הלל, וואו ער זאָגט אַז:

(א) די עניית העם איז — הללוי'[21] (ניט ווי די דיעה פון אַנדערע ראשונים[22], אַז עניית הללוי' איז געווען נאָר ביים ערשטן פרק פון הלל, אָבער ביי די אַנדערע פרקים פלעגט מען ענטפערן דעם וואָרט וועלכער איז ראש אותו הפרק);

(ב) עס איז פאַראַן אַ מספר מסוים פון די עניות הללוי' („סימן להם שנותיו של אהרן"), ד.ה. מ'מוז האָבן אַלע קכ"ג פעמים.

ד. דער ביאור אין דעם:

בנוגע דעם סדר פון עונה זיין בשעת אַ גדול איז מקריא את ההלל, פרעגט דער מאירי[23]: צוליב וואָס דאַרף מען האָבן די ענית פון הללוי' — מען קען דאָך יוצא זיין (הלל) דורך הערן פון שליח צבור (דשומע כעונה[24])? און ער ענטפערט, אַז הלל „כעין תפלה הוא", און ביי תפלה איז אַ כלל[25] אַז „אין אדם מוציא ידי חבירו בה". נאָר וויבאַלד אַז „אינה תפלה גמורה" האָט מען מקיל געווען, אַז מ'דאַרף ניט זאָגן גאַנץ הלל (ווי ביי תפלה), נאָר ס'איז גענוג דאָס ענטפערן הללוי' או כיו"ב.

פון דעם אָבער וואָס דער רמב"ם זאָגט וועגן דעם מנהג „ובו ראוי לילך", איז משמע, אַז דאָס איז ניט אַ קולא (וואָרום דעמולט איז מובן, אַז עס איז מער ראוי ניט צו נוצן אַ קולא (און זאָגן גאַנץ הלל)).

ולכן י"ל, אַז לדעת הרמב"ם טוען אויף די עניות הללוי' אַז עס זאָל פאַררעכנט ווערן פונקט ווי מ'וואָלט אַליין געזאָגט (גאַנץ) הלל. וע"ד ווי מ'געפינט ביי עניית אמן אויף אַ ברכה, אַז „העונה אמן אחר המברך הרי זה כמברך"[26]: בשעת מ'הערט און מ'האָט כוונה צו

---

20) ואינו דומה לחזרת הש"ץ שבכל אופן צריכים לקיים תקנת חכמים, אף אם כולם בקיאים (שו"ע אדה"ז או"ח סקכ"ד ס"ד. וש"נ) — כי התם הבקיאים צריכים להתפלל, משא"כ כאן שלא כתב הרמב"ם שהבקיאים יאמרו הלל (גם) לעצמם.

לכאורה אפ"ל שמצד „ברב עם הדרת מלך" טוב יותר לצאת ע"י הש"ץ (עיין שו"ע אדה"ז או"ח סרי"ג ס"ו. שם סנ"ט ס"ד. אנציקלופדי' תלמודית ערך „ברב עם הדרת מלך") — אבל צ"ע אם אפשר לומר כן בנוגע להלל שהוא כמו תפלה (ראה שו"ע אדה"ז סנ"ט שם), כמ"ש במאירי שהובא לקמן סעיף ד.

21) וכדעת רש"י סוכה שם. מאירי שם. וראה אנציקלופדי' תלמודית כרך ט ערך הלל (ע' תי ואילך).

22) תוס' ר"ן וריטב"א וכו' — ראה אנציקלופדי' שם.

23) סוכה שם.

24) ראה סוכה שם, ב.

25) ראה ירושלמי ברכות פ"א ה"ג.

26) רמב"ם הל' ברכות פ"א הי"א. וראה כס"מ שם. שו"ע אדה"ז או"ח סוף סימן רא.

יוצא זיין אָבער מען ענטפערט ניט קיין אמן, איז מען אויך יוצא י״ח, אָבער מ׳איז ניט „כמברך״. אָבער ווען מ׳איז עונה אמן, איז „הרי זה כמברך״.

דאָס הייסט: לויטן מאירי, זיינען די עניות הללוי׳ וראשי פרקים (ניט אַן אויפטו אין עצם חיוב פון אמירת הלל, נאָר זיי זיינען) אַ תקנה נוספת, ובלשונו[27]: „כדי להפליג בהערת השמחה״; דאָס הייסט, דעם חיוב פון אמירת הלל קען מען יוצא זיין בשמיעה מדין שומע כעונה[28], נאָר כדי עס זאָל זיין שמחה, מוז זיין אַ השתתפות באמירה בפועל, און דאָס איז דורך עניות הללוי׳ כו׳.

דער רמב״ם לערנט אָבער, אַז עניית הללוי׳ כו׳ איז (ניט אַ זיטיקער ענין בחיוב אמירת הלל, נאָר) אַ טייל פון חיוב אמירת הלל: דער ענין השמחה שבהחיוב דהלל מאַכט אַ חיוב אַז מ׳מוז זאָגן (גאַנץ) הלל, און דערפאַר האָט מען מתקן געווען די עניות כו׳ כדי יעדערער זאָל ווערן „כאומר הלל״. ומהאי טעמא איז עס אַ מנהג וואָס „בו ראוי לילך״[29].

ה. וויבאַלד אַז די עניות דאַרפן אויפ־טאָן אַז מ׳זאָל זיין „כאומר הלל״, איז פאַרשטאַנדיק, אַז מ׳האָט מתקן געווען אַ נוסח (— אויסגעקליבן אַ וואָרט) וואָס האָט אַ שייכות צו (גאַנץ און גאַנצקייט פון) הלל — ע״ד ווי עניית „אמן״ (מלשון אמת[30]), וואָס טוט אויף מ׳זאָל זיין „כמברך״.

און דעריבער האַלט דער רמב״ם אַז מען האָט עונה געווען „הללוי׳ על כל דבר״ (און ניט — ראשי הפרקים) — וואָרום דאָס דריקט אויס דעם תוכן כללי ועיקרי פון הלל.

און היות אַז דער מכוון פון דעם סדר איז, כדי עס זאָל זיין ווי מ׳זאָגט אַליין גאַנץ הלל — איז מובן, אַז דערצו פאָדערן זיך אַלע קכ״ג פעמים עניית הללוי׳, וואָס דערפאַר ברענגט דער רמב״ם דעם סימן (כנ״ל ס״ב).

ו. לויט דעם וועט מען אויך פאַרשטיין די שייכות פון עניית הללוי׳ של העם צו אהרן׳ן, און אויך — צו „שנותיו של אהרן״:

ענינו של אהרן איז — „אוהב שלום ורודף שלום אוהב את הבריות ומקרבן לתורה״[31] — די אחדות פון אַלע אידן.

און דער ענין של אהרן ווערט אויס־געדריקט אין תורה בקשר עם מנין שנות חייו: בשעת מותו, ווען ער איז געווען בן קכ״ג שנה, שטייט אין פסוק[32] „ויבכו גו׳ כל בית ישראל״, און חז״ל[33] זיינען מבאר, אַז אין דעם איז אהרן געווען אפילו מער ווי משה, וואָרום ענינו איז געווען „רודף שלום כו׳״.

27) סוכה שם — בטעם שבתפלה מוציא את שאינו בקי כשישנו שם מתחלה ועד סוף, ובהלל הצריכו לענות הללוי׳ כו׳.

28) ראה גם ערוך לנר סוכה שם ד״ה הוא אומר הושיעה נא (בדעת כמה ראשונים): דמה שאמרו הללוי׳ לא חשיב כעונה ולא יצאו רק מטעם שמיעה.

29) והא שבזמן הש״ס כבר הי׳ המנהג שהבקיאים אמרו הלל עם הש״ץ (ראה סוכה שם. רש״י ותוס׳ שם) — אולי י״ל שהוא ע״ד ברכות ק״ש שחששו שמא יפנה לבבו לדברים אחרים (שו״ע אדה״ז או״ח סנ״ט שם. וש״נ. אנציקלופדי׳ תלמודית ערך ברכות ק״ש בסופו).

30) ראה שבועות לו, א וברש״י שם. שו״ע אדה״ז או״ח סקכ״ד ס״ט. אנציקלופדי׳ תלמודית כרך ב ערך אמן.

31) אבות פ״א מי״ב.

32) חוקת כ, כט.

33) אבות דר״נ פי״ב, ד. ובכ״מ. הובא ברש״י עה״ת שם.

און דאָס איז די שייכות פון די עניות הללוי׳ צו „שנותיו של אהרן״, ווייל

[נוסף לזה וואָס די סיבה פון דער תקנה איז געווען צוליב די „אינם בקיאים״ — בדוגמת אהרן וואָס איז געווען „אוהב את הבריות (הרחוקים מתורת ה׳ ועבודתו[34]) ומקרבן לתורה״ — איז אויך]

דער אויפטו פון דער תקנה איז, אַז אַנשטאָט יעדער איד זאָל זאָגן הלל פאַר זיך, ווערן אַלע אידן נתאחד אין איין אמירת הלל.

און נאָך מער: וויבאַלד אַז די עניות טוען אויף עס זאָל זיין כאילו יעדערער זאָגט גאַנץ הלל, קומט אויס אַז דאָס איז אַן אחדות אמתית[35]:

ווען מ׳איז יוצא בלויז אין אַן אופן פון „שומע כעונה״ — איז דאָס נאָך ניט קיין שלימות האחדות. ווייל אע״פ אַז אַלע זיינען יוצא מיט דער זעלבער אמירת הלל, איז דאָס אָבער אין אַן אופן וואָס דער קיום מצות הלל איז ניט גלייך ביי אַלעמען: איינער (דער ש״ץ) איז איר מקיים דורך אמירה, און אַלע אַנדערע זיינען בלויז שומע („מקבל״) פון דעם ש״ץ און יוצא ידי חובתם דורך זיין אמירה[36].

אָבער דורך די עניות פון הללוי׳ ווערט אויפגעטאָן אַז אַלע האָבן דעם ענין ההלל אויף דעם זעלבן אופן — אמירת הלל; און דאָס גופא איז אין אַן אופן של אחדות: די איין אמירה של הש״ץ איז די אמירה פון „כל העם״ וואָס זיינען „עונין״.

34) תניא פל״ב.

35) ראה תניא שם: אב אחד לכולנה כו׳ רק שהגופים מחולקים כו׳ ואחוה אמיתית.

36) ראה שו״ע אדה״ז סו״ס רא וסרי״ג שם.

ז. על פי כל הנ״ל יש לומר, אַז דאָס איז אויך דער ביאור — בדרך סימן ורמז — אין אַ שאלה כללית אין רמב״ם דאָ: פאַרוואָס האָט דער רמב״ם אַריינגעשטעלט די הלכות פון הלל אין הלכות חנוכה[37]? לכאורה איז מקומן אין הלכות תפלה[38]?

ועל פי הנ״ל יובן: לויטן ביאור האמור קומט אויס, אַז איינער פון די עיקר׳דיקע ענינים אין אמירת הלל (לויט מנהג הראשון אָבער וואָס „בו ראוי לילך״) איז די אחדות פון אידן — דאָס וואָס אַלע אידן צוזאַמען שטייען אין אַ מצב פון שלום בתכלית, ביז צו אַן אחדות שלימה.

און דאָס איז דער סיום וחותם (וואָס „הכל הולך אחר החיתום״[39]) פון הלכות חנוכה, אַז „כל[40] התורה ניתנה לעשות שלום בעולם״[41].

ח. די גמרא[42] זאָגט „ביקש הקב״ה לעשות חזקי׳ משיח״, נאָר ווייל „עשית לו כל הנסים הללו ולא אמר שירה לפניך״, דעריבער איז ער ניט געווען דער וואָס האָט גואל געווען די אידן.

37) ואולי יש לומר טעם הדבר (ע״ד הפשט), משום שחיוב הלל בחנוכה הוא חלק מעצם המצוה והתקנה דחנוכה (כלשון הרמב״ם (פ״ג ה״ג. וראה שבת כא, ב): התקינו חכמים שבאותו הדור שיהיו שמונת הימים האלו . . ימי שמחה והלל), משא״כ בשאר הימים הוא חיוב נוסף על עצם ענין וקדושת היום וכיו״ב.

38) ויתר על כן: בהלכות תפלה (פ״ט הי״ב. פי״ב ה״כ), בביאור סדר התפלה בימים שיש בהם תפלת מוסף, לא הזכיר חיוב אמירת הלל ביו״ט.

39) ברכות יב, א.

40) ועפ״ז כל התורה נעשית באחדות — ומטרה אחת „לעשות שלום בעולם״.

41) וראה לקו״ש חט״ו ע׳ 372 ואילך — ביאור הקשר ד„כל התורה״ ו„שלום״ לחנוכה.

42) סנהדרין צד, א.

וויבאַלד אַז מרובה מדה טובה כו'[43], איז מובן, אַז דער ענין פון אמירת הלל ושירה אויף ניסים איז מקרב און מביא די גאולה.

ויהי רצון, אַז דורך דעם בירור הלכה אין הלכות הלל,

און אויך דורך דעם (מעשה הוא העיקר –) משבח ומהלל זיין דעם אויבערשטן אויף אַלע נסים וואָס ער טוט מיט אידן, וואָס מ'זעט בגלוי אַז „יד ה' עשתה זאת"[44], „כי ה' אלקיך הוא הנותן לך כח לעשות חיל"[45],

זאָל מען זוכה זיין בקרוב ממש צו דער אמירת שירה העשירית[46] דלעת"ל און נאָכמער – באופן פון שיר חדש[47], בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו.

(משיחות ש"פ מטו"מ תשל"ז, ש"פ מסעי תשמ"א)

43) סוטה יא, א. וש"נ.

44) ישעי' מא, כ.

45) עקב ח, יח.

46) בסוג אחד עם הט' שקדמו. ויש בה עילוי נוסף: שיר (ל' זכר – ענין) חדש – כבמכילתא עה"פ אז ישיר הובאה בתוס' שבהערה הבאה.

47) ראה תוד"ה ה"ג, פסחים קטז, ב.